# דיאַלאָג וועגן זיין מאַיעסטעט־שונד

**ב י ת :** אַזוי פאַרנומען ביסטו, רק פאַרנומען. די שטויסן ביכער און פאַפירן אַרום דיר זיינען ווי תבואות אינמיטן זומער. זיי ווערן פון מאָל צו מאָל העכער. איך שטיי שוין דאָ אַ היפּשע ווילע, און דו האָסט גאָרנישט באַמערקט. וואָס האָט דיך אַזוי פאַרמחשבהדיקט ?

**א ל ף :** איך ווייס... כ'האָב דאָ אַביסל געטראַכט וועגן אונדזער ליטעראַטור, אונדזערע ליטעראַטן.

**ב י ת :** דיר איז גוט, ברודער.

**א ל ף :** צום ביישפּיל ?

**ב י ת :** געדענקסט, מיר פלעגן אָפּט גאַנצע שעהען שמועסן. דיין ליבלינג־פּסוק איז געווען : „דער מענטש איז אַ בוים אין פעלד". מעגלעך. פאַרשטייסט ? מעגלעך אַז אין פעלד איז דער מענטש אַ בוים. נאָר אין שטאָט איז דער מענטש נאָך שוואַכער ווי אַ מענטש. די דופטן, וואָס מיר אָטעמען איין — זיינען : צעמענט־ריחות, קאַלך־ריחות, געשמאַק פון ברענענדיקער סמאָלע. איך ווייס, עס איז באַדערפטיק, באַדערפטיק פאַר די קומענדיקע דורות. אָבער מיר, די לעת־עתהדיקע ? אויסגעוואָרצלט זיינען מיר. אין דער לופטן הענגען מיר. פלאַכקייט קלעפּט אויף אונדז, פלאַכקייט. מיר נעמען אַלץ אַזוי לייכט, ווי לייכט עס איז איבערצוטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן אַ פלאַנץ, וואָס איז אַרויסגעהויבן פון דער ערד און ליגט שוין אַ

געשטאַרבענער אויף דער איבערפלאַך. אין דעם באַשטייט אונדזער גרויסשטאַטישע חכמה. אַמקליגסטן זיינען די ליטעראַטן, זיי נעמען זיך אַמאויסגעערדיקטסטן, אַמלופטיקסטן, אַמגרינגסטן. דיר איז מקנא צו זיין. דו באַמיסט זיך צו פאַרטיפן אין געוויסע ענינים. דו פאַרגינסט זיך.

אלף: איך פאַרגין מיר... דאָס איז נישט קיין לוקסוס. זיי מיר נישט מקנא. ווען אַ פאַלק לעבט איבער אַ גליקלעך בליענדיקע צייט, איז דאָס אַריינדרינגען — אַ געניס. עס איז, ווי דו שנײַדסט זיך אַריין מיט די ציין אין אַ דיקער, רייפער, זון־דורכגעזאַפטער בוראַקאַוקע. האָסט אַ פול מויל מיט זיסער פעטקייט, האָסט אַ מינוט דעם איינדרוק, ווי דער גאַנצער סאַד מיט באַרנעס וואָלט זיך צונויפגענומען דיר פרייד צו ליפערן. אָבער אין אַ צייט ווי אונדזערע, ווען דו באַמערקסט ווי עטישע און עסטעטישע ווערטן הייבן אָן צו פאַרלויפן מיט גע־שווילעכץ, ווען דו זעסט דאָ און דאָרט גנבעט זיך אַריין צעפוילט־קייט, — ווי גאַנצקייטן, שיינקייטן ווערן גאַנגרעניזירט, דאַן, —

אלף: דאַן איז דאָס פאַרטיפן זיך שוין גאָרנישט קיין דער־קוויקונג. אויב דו עקבערסט זיך אַריין אין אַזאַ צייט, איז ווי דו וואָלסט אַריינגעלאָזט אַ שפּיזל אין אַ פאַרלאָזט געשוויר. מוזסטו צוגעגרייט זיין, אַז דאָ וועט נעמען שפּריצן מיט אייטער, מיט גיפטיק בלוט און אַ געשטאַנק וועט זיך פאַרשפּרייטן.

בית: יאָ, לאָמיך גאָר נישט פאַרגעסן. געקומען בין איך אייגנט־לעך דיר אָפּבערענגען אַן אבדה. האָסט פאַרגעסן ביי מיר דיין נאָ־טיצביכל. וועסט, האָף איך, נישט בייז זיין, וואָס איך האָב געכאַפּט אַ לייען. אין זאַץ באַלד אויף דעם ערשטן זייטל האָט מיך באַזונדער פאַראינטערעסירט. האָסט דאָרט פאַרצייכנט: „איך האָב פיינט באַשע־פענישן, וואָס עסן ווערעם. איך האָב פיינט דעם „דעמאָקראַט“, וואָס וויל נישט באַלעסטיקן די קעלנערקע, ווען ער געפינט אין טעלער זופּ אַ בינטעלע בלאָנדע האָר. איך האָב פיינט דעם מענטש, וואָס האָט נישט פיינט די שונד־שרייבער“.

אלף: אַט, אַט וועגן זיי האַנדלט זיך עס. וועגן זיי טאַקע טראַכט איך אָפט, אָבער אינטערעסאַנט, אַז דווקא דער פסוק איז דיר געבליבן צוגעקנעפלט צום זכרון.

בית: כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס. צוליב דער כסדרדיקער ווידערהאָלונג: „כ׳האָב פיינט". ליבשאַפט האַלט איך פאַר אַזאַ נאַ־טירלעכער זאַך, אַז איך שטעל זיך דאַרויף קיינמאָל נישט אָפּ. וואָס איז דען דער גאַנצער לעבנס־קאַמף, אויב נישט דער קאַמף, אַז אַלץ זאָל זיך לאָזן אַרומנעמען פון אונדזערע אָרעמס. אַלץ זאָל דורך אונדז געגלעט ווערן. אונדזערע אויגן ציען צו זיך און קושן זיך מיט אַלע בילדער פון דער וועלט. אונדזער אויער שליסט אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט יעדן האַלבקלאַנג, קלאַנג און קאָמפליצירטסטער קלאַנג־קאָמבי־נאַציע. נישטאָ אַזאַ פאַרמעגן, וואָס מיר זאָלן זיך נישט האַלטן ראוי צו אים. נישטאָ אַזאַ רוים, וואָס זאָל אונדז שיינען אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן נישט וואַגן זיך צו זען פאַרטראָגן אין זיינע ד׳ אמות. יעדע מאַכט, די צאַרטסטע און די ווילדסטע, קאָן ווערן אַן אָביעקט פון אונדזער שטרעבן. אַל אונדזער ווירקן און לײדן, אַל די היציקייט פון האָפענונג און געראַנגל, אונדזער ווינטשן און צילעווען איז אָנ־געשטעלט אויף פאַרלאַקן, אויף אַריינציען. אויף דערנענטערן אפילו פרעמדסטע, דאָס ווייטסטע, דאָס שווערגעאַנטע, דאָס קוימגעחלומטע. דאָס, אַט דעם פראָצעס האַלט איך פאַר אַזוי פונזיכגופאַרשטייענדיק, אַלטאַגיק, אַנדערשאוממעגלעכדיק, אַז ווען איינער פאַרטרויט זיך מיר: די און די פרוי האָב איך ליב, ווער איך קיינמאָל נישט גערייצט זיך מיט איר צו באַקענען. דערפאַר, ווען עמעצער דערציילט מיר: דעם מענטש פאַרטראָג איך נישט, יענעם דולדע איך נישט, פלוני בן פלוני איז מיר עקלהאַפט, דאַן ווער איך געשפאַנט: דאָ מוז עפעס זיין! עפעס אויסטערלישעס מוז זיין אין דעם אומדערטראָגנדיקן אָדער אין דעם אומדערטרעגלעכן, אין דעם אומדולדנדיקן אָדער אין דעם אומגעע־דולדעטן, אויב דאָ איז פלוצלינג אויפגעקומען אַ כוח, וואָס האָט געענדערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער יצירה, אויב דאָ איז געבראָכן געוואָרן דער אייביקער פרינציפ פון פאַראייניקונג, פון קרובהשאַפט.

פון ליבשאַפט, וואָס איז אַזאַ אינערלעכער, אַזאַ נאַטירלעכער, אַלציי־טיקער און אַלאַרטיקער צוואַנג ביי יעדן איינעם.

אלף: און ביי מיר האָסטו געלייענט, אַז איך האָב פיינט.

בית: יאָ, כ׳האָב דערקענט ,אַז דו האָסט, ווי ווייט אַ מענטש קאָן גאָר האָסן, מיט אַ רמ״ח־אברימדיקער שנאה באַציסטו זיך צו שונד. איך בין אַליזאַ גוואַלטיק נייגעריק, וואָס פאַרשטייסטו אונטער שונד?

אלף: דערקלערן דיר, וואָס איך מיין מיט שונד, וואָלט מען ווירקלעך געדאַרפט. אָבער ס׳איז נישט אַזוי גרינג. האָסט מיך פריער דערמאָנט די צייט, ווען מיר פלעגן פירן לענגערע געשפּרעכן, דע־מאָלט זיינען מיר ביידע יידישע לערער געווען. פאַרשידענע עקס־פערימענטן פלעגט אויסקומען צו מאַכן איבער אונדזערע תלמידים.

בית: אַפּט זיינען מיר געקומען צו טשיקאַווע אויספירן.

אלף: געדענקסט, ווי איינמאָל נאָך אַ לאַנגער אָבסערוואַציע האָבן מיר געקראָגן די מערקווירדיקע איבערצייגונג, אַז אַמשווערסטן איז צו פאַרטייטשן די תלמידים — וואָס לופט איז. זיי נעמען עס אויף מער מיט גלויבן, ווי מיט אָביעקטיוון פאַרשטיין. לופט — זי האָט אין זיך עפּעס פון אַ גאָטהייט. אַ זאַך, וואָס דיינע אויגן זעען אַבסאָלוט נישט און דאָך ווייסטו אַז עס עקזיסטירט אומעטום, אומעטום. און נישט נאָר די קינדער, אויך מיר דערוואַקסענע האָבן וועגן אַלץ און אַלעמען קירצערע, באַצייכענענדיקערע, טרעפלעכע פאַרמולירונ־גען, איידער וועגן לופט. דאָס איז דערפאַר, וואָס קלאָרע און בינדלעכע דעפיניציעס דערגרייכט מען נאָך פאַרעקשנט־דויערנדיקן אריינטראַכטן זיך אין אַ דערשיינונג. מכוח לופט קלערן מיר אַמווינציקסטן און טאַקע מחמת דעם, וואָס מיר שפּייזן דורך איר, טרעטן אויף איר, איבער אונדזערע קעפּ שוועבט זי, זי גייט אונדז פאַרויס, אונדזער באַגליי־טערין איז זי, פון רעכטס און לינקס האָבן מיר זי.

בית: וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט שונד?

אלף: אויך די אויפקלערונג פון שונד קאָן נישט איינגעראַמט ווערן אין געציילטע ווערטער. אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ווען,

וואָס הענגט איבער אונדז ווי אַ פּאַטום און רינגלט אונדז אַרום פון אַלע עקן. זיין מאַיעסטעט דער שונד קיניגט ביד רמה. זיין ממשלה וואַכט איבער איטלעכן ווינקל. מיר שאַצן אים קנאַפּ, מיר אורטיילן וועגן אים ווייניק — נישט ווייל ער איז נישטאָ, נאָר ווייל ער לאַגערט געדיכט אַרום אונדז. שונד איז דער, וואָס באַהאַלט זיך נישט, וואָס רוקט זיך פאָרויס, גבאיראשונדיק, אין יעדער ליטעראַרישער קלויז־און קלייזל־פּאָליטיק, שונד איז דער מצווה־טענצלער אויף אַלע חתונות. שונד איז דער בריה, דער קלוגער יונג, דער נגיד, דער צוגאָט־אונצולייטנדיקער שריפטשטעלער. שונד איז דער יחסן, דער שיינער מענטש, וואָס איז גרייט צו שווערן ביי דער געגאָלטער באָרד און אָפּגעהאַקטע פּאות, אַז פאָר איינך איז דער גרעסטער, דער רייזיקסטער, דער עוגמלכהבשנדיקסטער כבוד מיט אים צו האָבן מחזקות; שונד איז אונדזער בעל־גאווה, וואָס די נאָזלעכער צעשפּרייט ער, די אויערן שטעלט ער אָן. ווי אַ הונט איז ער וואַכזאַם, עמעצער זאָל, חלילה, זיין כבוד נישט באַגנבענען. שונד איז אונדזער אויפזיכערנעמער, אונדזער „שטאַרקער״, וואָס זיין קרענקלעכסטער וואונטש איז, אַז אַלע זאָלן פאַר אים מורא האָבן.

בית: צי איז דאָס נישט אַביסל איבערטריבן? איז טאַקע שונד אַזוי כל־יכולדיק? אַזוי ווייט און ברייט אַרומנעמענדיק?

אלף: זעסט נישט, ווי שונד שפּאַצירט קאָפּפאַררעסן איבער אַלע גאַסן. אומעטום איז ער דער אָנגעלייגטער גאַסט. ער ווייסט ווי אַזוי געפּעלן צו ווערן. פאַר יעדן האָט ער אַן אַנדער שפּרוך.

אויף עלעגאַנט געפּלאַסטערטע גאַסן, וואו גומי־ראָד און שטיל־קייט שפּילן זיך צוניף אין אַן איינוויגנדיקן ריטם, וואו שמאַלע ווייבער דעקאָרירן זייער דורכשווענדיקן גאַנגל מיט פּאַקע*), קאַראַקולן און מאַלפּעס — איז ער דער פּרייגייסט (ער אַליין ווייסט: זיין פרייהייט און זיין גייסט גייען ווי אַקסן געשפּאַנט איבער די בלאַטיקע גרודעס פון קאַריערריזם), איז ער דער וויצלינג, דער חתונה־ און ליבע הומאָ־

*) ים־הונט, Seal.

ריזינדיקער (ער אַליין ווייסט: זיין הומאָר און זיין אַנעקדאָטשינע איז שאַרף ווי אַ הילצערנע בריטווע, מיט וועלכער פריזיר־יינגלעך לערנען זיך גאָלן), איז ער דער פּונאוויבנאַראַפּריידער, דער באָן־טאָנטשיק, דער פּאָליטיק־קאָמענטאַטאָר אָדער אויסלאַכער (ס'איז אים אַלץ איינס). ער איז דער, וואָס וויל אַרויסגלאָנצן און זאָגט אַרויס נישט אַנדערש ווי מיט פּאָליטורגעוואָשענע מיינונגען. ער איז דער קורצסטיליקער, דער אַפּאָריזמיקער (אַז זיינע אַפּאָריזמען און זיין נוסחגעשליפנקייט האָבן אים ווייניק געקאָסט און זיי האָבן אַ ווייניקן ווערט — דאָס ווייסט ער אַליין אַמבעסטן). ער איז דער ציוויליזאַציע־פאַרניינער אָדער באַיאָער (ס'איז אים אַלץ איינס).

אָבער אויך מיט די שמאָלע, פאַררויכערטע הינטערשטאָטגעסלעך שליסט ער באַקאַנטשאַפט שנעל. צוקומענדיק צום ערשטן, פאַרקאָפּ־טשעטן, אַרומגעשיילטן מויער, וואַרפט ער זיין פראַנטישקייט, זיין עלעגאַנץ אין רינשטאָק אַריין און אין דעם זעלביקן רינשטאָק טונקט ער איין אַ שמאַטע אַרויפצוהענגען אויף אַ שטעקן אין — ער האָט שוין אַ פען, אַ נייע פען. און ער שרייבט. אַ שרייבט ער איצט! די ווערטער קומען שוין נישט פון אויסגעכאָליעטע, דינע, בן־יקירדיקע פינגערלעך, נאָר פון יענע האָמעטנע האַנט־באַוועגונגען, וואָס איר זעט נאָר ביי אַ באַלעגאָלע בשעת ער קלאַפּט זיך אויף ביידע זייטן אין אַ גרויסן פראָסט. נאָר ס'מאַכט נישט אויס. די ידים זיינען גראָב, נאָר דאָס האַרץ איז גוט. דאָס האַרץ איז ווייך ווי אַ צעקאָכטע קאַר־טאָפלע. דאָס האַרץ איז זיס ווי אַ געפרוירענע קאַרטאָפלע. ער איז אַזאַ בעל־רחמנות. ער זאָרגט זיך פאַר די אָרעמע, פאַר די ליידנדיקע, פאַר אַלטע ווייבער, פאַר יונגע בתולות. וואָדען? שווייגן וועט ער? אַזעלכע ערד־ און הימל־קוויטשנדיקע סקאַנדאַלן קומען פאַר ביי יידן. באַנקראָטן... אָרעמע גראָשנס... פאַרראָטן... מאַן־ווייב, ווייב־מאַן. גנבות ביי פאַרטייען. פאַרטייען ביי גנבות (דאָס איז דאָך שרעק־לעך: מענטשן ווערן לייט, מענטשן גנבענען און ער, אונדזער העלד, זיצט דאָ ביים טיש... און ער מוז זיי נאָך באַשרייבן). נו, און איצטער די געשיכטע מיט דער טאָכטער, וואָס איז געוואָרן דעם טאַטנס ווייב.

און די צווייטע געשיכטע מיט דער שנור, וואָס איז געוואָרן דעם שווערס מאַן... טפוי, וואָס רייד איך? אַז מען קאָן דאָ נישט דערגיין קיין טאָלק... שאַ! און די מעשה מיט דעם חתן, וואָס איז אַנטלאָפן פון אונטער דער חופה (אַזאַ אידיאָט, די ערד איז אים קליין געווען. שוין נישט געהאַט פונוואַנען צו אַנטלויפן).

ערשט פרעג איך אייך, איר זענט דאָך עפעס מענטשן מיט פאַר־שטאַנד. אדרבה, זאָגט איר אַליין, ווער זאָל ריידן וועגן די אַלע זאַכן, אויב נישט ער, דער אָפּגעהיטענער, דער ריינער, וואָס זיין לשמה־דיקייט איז אַלבאַקאַנט, וואָס זיין אידעאַליזם איז ריין גאָלד 56ער פּראָבע? אין וואָס קאָנט איר אים דען חושד זיין? אין מאַטעריעלן נוצן? נאַרישקייטן! איר זאָלט אים אַפילו וועלן געבן געלט, האָט ער עס אויך נישט וואו צו האַלטן. אַז איין קעשענע האָט ער אָנגעהויפּט מיט גוטמידותדיקייט, די צווייטע — איז אָנגעפּראַפּט מיט גוטע מעשים, פון זיין בוזעמטעשל שטעקט אַלע מאָל אַרויס דאָס קעפּל אַ קליין מלאכל און אויף די פּלייצעס טאַשטשעט ער, נעבעך, אַ שווערן זאַק מיט יושר, טאָ ווער? ווער זאָל אָנכאַפּן אַלע עוולות פאַר די קנעכל? ווער זאָל שטראָפן? ווער זאָל זיך בייזערן? ווער, אויב נישט ער?

בפרט, אַז ער האָט דערצו אַלע כלים. דאָס איז שוין די טבע פון דעם שונדמאַן, אַז אים פעלט קיינמאָל גאָרנישט אויס. ער האָט אויף לאַגער פון כל־טוב. אַלץ, וואָס ער דאַרף, גייט ער צו און ער נעמט. זיין פערזענלעכקייט איז אַזוי אומפּערזענלעך, אַז ער איז ביכולת צו אימיטירן אַפילו בהמות און חיות און עס נאָכמאַכן בעסער פון זיי. דער הונט מעג זיך ביי אים לערנען חוצפה. פאַר זיין נאַרישן נעגל־גראַטשען דאַרף די קאַץ זיך באַהאַלטן. און אַ געסרחה קאָן ער מאַכן, אַז די טכוירן וואָלטן אים דרייסט געמאַכט פאַר זייער סטאַרשי. די ממשלה פון שונד איז אומבאַגרענעצט. וואָס מאַנגלט אים? אַז ער וויל, קריגט ער פּלוצלינג אַ העלדזל ווי אַן אויסגעשטשערבעטע זעג, און לאָזט ער אַרויס טענער, ווערן די צוהערער פּאַרטויבט. אַלע אַנט־לויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. בלייבט ער אַליין. און אַז ער גאָרגלט דער לעצטער, גייט דער זיג אויף זיין חשבון. דער גע־

רעכטער איז ער — דער פויסטמאַכער, דער עוולותאומפּאַרטרעגער,
ערגאָ: ער איז דער אידעאַלער שטראָפּפּרעדיקער.

ב י ת: אַלזאָ, שונד איז די פּאַרזעעניש מיט צוויי פּנימער. אַמאָל:
דער שיינדערשיינענדיקער, דער צוגעפּוצטער, דער פּרעטענזיעהאָבער
פאַר אַלערליי ציוויליזאַציעדעפעקטן, דער פירשפּרעכער פון יעדן
אולטראַפּאַרביקן מאָדערניזם.

און אַמאָל, אַז עס גלוסט אים, איז ער די מכשפה אויף אַ בעזעם
רייטנדיקע, איז ער די יידענע מיטן סאַרעג*), מיטן שלומפּער, איז ער
דער גראָביונגישער ברוטאַלמייסטער, איז ער דער קללותשפּריצער פאַר
עקסעלאַנס, איז ער דער דראָענדיקער, דער טעראָריזירנדיקער, דער
אמתער ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר א ו נ ט ע ר ו ו ע ל ט נ י ק.

אַ ל ף: דאָס איז נאָכנישט אַלץ. ער האָט מער ווי צוויי גע־
שטאַלטן. (וועגן די איבעריקע פּרצופים וועלן מיר נאָך שמועסן). דער
שונדיסט האָט איטלעך קעמערל פון זיין אָרגאַניזם, האָט יעדן בלוטס־
טראָפּן קאָמערציאַליזירט. און ער איז אַ געניטער געשעפטסמאַן. נישט
מיט אַבי־וועמען שליסט ער טראַנזאַקציעס. ער פאַרקויפט נישט זיין
נשמה דעם טייוול, סתם עפּעס דאָרט אַ לאַפּיטוטניק אַ מייזל. ער
שטייט אין פאַרבינדונג מיט דעם סמך מם אַליין. און אָט דער בעל־
דבר האָט דאָך טויזנט אויגן. און אַלע טויזנט זיינען שאַרף, זייער
שאַרף. זיי צעשניידן די נשמה פון זייער מסחר־שותף אויף טויזנט
שמאַטקעס. דערפון ביי די שונדמאַכערייקעס זייער אַלפּנימדיקייט, זייער
פּילזייטיקייט. הער זיך איין אין דעם קלאַנג פון זייער שטים, אין
די טענער, וואָס זיינען געבוי אויסגעמאָסטן לויט דער סביבה, לויט
דער מאָדע, לויט דעם אויער, צו וועלכן זיי זיינען געווענדט, ועל כולם
לויט דעם ווייטן און נאָענטן פּראַקטישן נוצן. הער זיך צו צו זייער
וואָרט, וואָס ענדערט זיך, בייגט זיך אַזוי שנעל פון אַהין אויף אַהער —:
זיי ריידן אינעם אידיאָם פון זייער מויל דאָס אידיאָם פון זייער לעבן.

ב י ת: אַהאַ! מיין טייערער, איך קאָן דיינע דרכים. געמסט

---

*) אָפּגעריבן, שמוציק.

שוין ריידן אַזאַ שפּראַך, אַז ווי מיר דאַכט, פעלט שוין נישט קיין סך, ואָלסט געניגט זיין צו געפינען אין דעם שונד ש ו ו ע ר ק י י ט צ ו ל י ב ל י י כ ט ק י י ט, ל י י ד ן מ ת ו ך צ י נ י ז ם, אינערלעכע צעריסנקייט, צוגעדעקטע גיהנמס, עקזיסטענצבאַלאַסטעט־קייט, וועלטשמערצלערישקייט.

א ל ף: כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת. ווען איך זע, ווי אַזאַ פּאַר־שוין האָט אין איין זייט אַ פעדער, אַ פּיינע, אַ כשרע גענדזנענע פעדער פאַר זויבערקייטן, מענטשלעכקייטן, הייליקייטן און אַן אַנדער פעדער ספּעציעל פאַר טונקען אין געמיינקייטן, גידעריקייטן, צאה רותחת — מאַכט ער אויף מיר דעם איינדרוק פון אַן אינדיאַנער אויסגעפּוצט אין אַ סך, אַ סך פעדערן. נאָר צייטנווייז —

ב י ת: נאָר צייטנווייז?

א ל ף: אַמאָל זע איך אַזאַ עלנט, אַזאַ עלנט הענגען איבער זייערע ברעמען, ווי זייערע אויגן וואָלטן טאָג און נאַכט מיט שוידער זיך איינגעקוקט אין די פאַרברעכנס, וואָס זיי באַגייען. דעמאָלט הער איך אין זייער געלעכטער דעם קלאַנג פון פאַלשן זילבער, איך ווער זיכער, אַז זייער האַלדזאויפגעפּראַלטקייט, זייער געשריי וועט קיינמאָל נישט ווערן: ל י י ב נ י אַ מ ע ר , וועט שטענדיק בלייבן: ק אַ צ נ־י אַ מ ע ר.

דעמאָלט איז מיר אויף זיי אַזאַ רחמנות, רחמנות נישט נאָר אויף דער שרעק, וואָס לויפט אַרום אין זייערע לייבער ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע נאָדל, און ווען וועלכער זיי סטאַרען זיך מיט אַלע כוחות צו מאַכן אַ שוויג פאַר פּרעמדע, נאָר אויך אויף זייער אַנשטעלערישער תקיפות. דאָס מאַכט, נאַטירלעך, זייער זינד נישט קלענער. זייער „פּראָפּעסיאָן" ווערט בלויז נאָך קלעגלעכער, קאָמישער, שלימזלדיקער, אומעקזיסטענצבאַרעכטיקטער. — נאָר אויך וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל. איצט האָב איך דיר נאָר געוואָלט באַמערקן וועגן זייער פיל־רייכקייט, פאַרשידנזשעסטיקייט, אַלערהאַנטקאַלירקייט.

ב י ת: כאַ־כאַ! די מערפאַרביקע פאָן פון אונדזער שריפטום־קעניגרייך, מ׳שטיינסגעזאָגט.

אלף: דער רעגנבויגן אויף אונדזער וואָלקיקן, מרה־שחורה אָנגעלאָדענעם הימל.

בית: רעגנבויגן — אַ סימן, אַז אויף דער וועלט האָט שוין געמעגט קומען אַ מבול, נאָר אַ מערכה, גאָט האָט געשוואוירן...

אלף: האָסט מיר גוט דערמאָנט, ברודער! פאַר די דאָזיקע לערער פון הפקרות און פערוועזיטעט, פאַר אָט־די פאַרשפרייטער פון אַנטימאָראַל און אַנטיעסטעטיק איז אָמבעסטן צוגעפּאַסט דאָס וואָרט פון רבי נחמן בראָצלאָווער: אַ שבועה איז געווען אַז קיין מבול זאָל נישט זיין. קיין מבול פון וואַסער וועט נישט זיין, אָבער אַ מבול פון שלעכטע געדאַנקען, פון שמוציקע מחשבות — וועט יאָ זיין.